ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 14

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי ווערט מען פטור פון דאגות

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקרא, כ"ו אדר, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן אזעלכע ליכטיגע עצות, וואס ווער עס טוט די עצות קריכט ארויס פון אלע פראבלעמען. די ערשטע עצה איז שכחה; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", ביי די וועלט איז שכחה א חסרון, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", אבער איך זאג אז שכחה איז א מורא'דיגע מעלה, ווייל ווען א מענטש וואלט געדענקט יעדע זאך וואס ער האט געטון וואלט ער נישט געקענט אנגיין ווייטער מיט זיין לעבן, ווייל עס וואלט אים געשטערט אלעס וואס ער האט געטון.

חזר זיך דעם מאמר החכם: "הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן, דַּאֲגָה מִנַּיִן", וואס איז געווען איז געווען - איז דאך נישט ווערד זיך צו זארגן אויף וואס איז געווען; דער עיקר דארף מען קוקן אויף פאראויס, נישט שלעפן מיט זיך דעם עבר.

אז עס ווערט דיר גרינגער ווען דו נעמסט מעדעצין זאלסטו אודאי נעמען מעדעצין, דאס וועט דיר העלפן זיין רואיג, דו זאלסט נישט צוריק לויפן צו נעמען די שארפע דראגס.

*

טייערער ברודער, ליבער חבר, פאר יעדע פראבלעם איז דא אן עצה; נישט דא אזא זאך א צרה אן קיין רפואה, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נח, ח): "אֵין מַכָּה בָּעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", עס איז נישט דא קיין מכה וואס עס זאל נישט זיין אויף דעם א רפואה, "רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע - תְּשׁוּבָה", דער רפואה אויפ'ן יצר הרע איז תשובה; נאך זאגן חז"ל (תנחומא הישן וירא, סימן טז): "שֶׁאִם בְּיַד אָדָם כַּמָּה עֲוֹנוֹת וְהוּא שָׁב לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הוּא מַעֲלֶה עָלָיו כְּאִלּוּ לֹא חָטָא", אז א מענטש האט אסאך געזינדיגט און ער טוט תשובה, רעכנט אים דער אייבערשטער כאילו ער האט נישט געזינדיגט.

זיי שטארק מיט זיך; זאלסט נישט צוריק לויפן צו דראגס וועסטו זוכה זיין צו א חיים טובים.

## פארוואס בין איך אזוי אומבאקוועם ביי מיין שווער?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך ווייס נישט פארוואס, אבער יעדעס מאל וואס איך גיי צו מיין שווער'ס הויז, אפילו נאר פאר אפאר מינוט, וויל איך נאר אנטלויפן פון דארט, איך שפיר זיך זייער נישט באקוועם דארט; דער פראבלעם איז אבער אז מיין ווייב יא פארברענגען דארט מער. צומאל שפיר איך פשוט אז איך קען נישט דארט זיין אפילו פאר איין מינוט, איך גיי ממש פלאצן.*

*ווען איך עס דארט די שבת סעודה, זינג איך נישט מיט די זמירות, דאס שטערט שטארק פאר מיין שווער, ער וויל זייער איך זאל יא מיטזינגען, איך קען אים אבער נישט מסביר זיין וואס איך פיל, איך שפיר ממש צעקוועטשט און איך האלט עס נישט אויס.*

*איך בעט זייער דעם ראש ישיבה שליט"א מיר צו געבן אן עצה ארויס פון דעם פראבלעם ווי שנעלער, ווייל איך קען נישט מער, איך האב שוין נישט קיין כח צו דעם.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת אמור, ה' אייר, כ' לעומר, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

## וויל געפעלן א צווייטן - ברענגט לחץ

עס מאכט זיך אזוי ביי אינגעלייט וואס זיי ווילן געפעלן דעם שווער, און פון גרויס לחץ שפירן זיי נישט באקוועם. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ו:) אויפן פסוק (תהלים סו, יב): "הרכבת אנוש לראשנו, באנו באש ובמים, 'כיון שנצטרך אדם לבריות נידון באש ובמים'", אז מען וויל געפעלן א צווייטן, מען פירט זיך נישט אויף נאטירליך, יעדע תנועה איז געמאכט - דאס ברענגט גרויס לחץ, מען שפירט ווי מען ווערט פארברענט אין פייער און דערטראנקען אין וואסער; דאס איז גורם דו זאלסט זיך נישט געפינען באקוועם ביי דיין שווער.

נישט גיין איז נישט די עצה, מען קען נישט זאגן פאר די ווייב אז מען גייט מער נישט צו אירע עלטערן, די בעסטע עצה איז זאלסט אריינעמען דעם אייבערשטן אין זיך, מאך נישט קיין מציאות פון קיינעם, נישט מורא האבן פון קיינעם; מען דארף מכבד זיין א שווער, זיך פירן מיט גרויס דרך ארץ, אבער יראה ופחד דארף מען האבן נאר פונעם אייבערשטן.

נעם די עצה פון תפילה והתבודדות, וואו דו גייסט און וואו דו שטייסט - זאלסטו זיך שטילערהייט שעפשען תפילות ובקשות, דורכדעם וועסטו באקומען א שטארקע אמונה, דו וועסט מורא האבן נאר פון אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## איך בין טיף אין חובות, ווי אזוי קען איך זיך אויסלאכן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געשריבן אין א בריוו פאר אנשי שלומינו, "בנוגע דיין פרנסה וכו'; געלט האט קיינער נישט, עס איז א גרויסע שפיל, שפיל דו אויך דעם שפיל - כאילו דו האסט אסאך געלט; טראכט 'איך האב זייער אסאך געלט, איך האב עס יעצט אינוועסטירט', און לאך זיך גוט אויס. אלעס איז דמיון, נאר דער אייבערשטער איז אמת; יעדע מחשבה וואס מען טראכט, אויב איז עס נישט פון אמונה - איז עס דמיון".*

*איך וויל בעטן אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר עס אביסל בעסער מסביר זיין, איך האב חברים וואס האבן וויפיל געלט זיי ווילן, זיי האבן אן אייגענע הויז, א שיינע קאר, און זיי קענען קויפן אלעס וואס זיי ווילן און דארפן. איך בין קיינעם נישט מקנא, אבער למעשה בין איך שולדיג געלט פאר א האלבע שטאט, איך קען נישט גיין אין אסאך שולן דאווענען כדי נישט צו טרעפן די בעלי חובות, איך קען נישט איינקויפן אויף שבת ווייל קיין איין גראסערי וויל מיר מער נישט געבן אויף בארג, איך פאר ארום מיט א קאר אן אנשורענס ווייל איך האב נישט דאס געלט עס צו באצאלן, איך האב אפילו נישט צו קויפן געז אנצופילן מיין קאר, איך מאך חתונה אין אפאר חדשים ארום, מיין ווייב בעט געלט און איך האב נישט וואס צו געבן, ווי אזוי לאכט מען זיך פאקטיש אויס?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישב, כ"ג כסליו, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ערשטנס זאלסטו נישט נוצן דיין קאר ביז דו האסט אינשורענס; עס איז נישט קיין שפיל, מען טאר נישט פארן מיט א קאר אן קיין אינשורענס.

### נישט בארגן קיין פרוטה פון קיינעם

צווייטנס, אז דו ווילסט ארויסגיין פון דעם טיפן גרוב - זאלסטו די ערשטע זאך פון היינט און ווייטער מער נישט בארגן קיין איין פרוטה, און אז דו דארפסט אהיימברענגען געלט - זאלסטו גיין נאך געלט. דעם וועם דו ווילסט פרעגן: "קענסט מיר בארגן?" זאלסטו אנשטאט די ווארט 'בארגן' נוצן די ווארט 'העלפן'; פרעג: "קענסט מיר העלפן?" געענדיגט מיט בארגן, השמר והזהר, גראב נישט דעם גרוב טיפער; בארגן איז א קללה, אז מען האט חובות איז זייער זייער ביטער.

זאג יעדן טאג נאכן דאווענען די צען קאפיטלעך תהילים - די תיקון הכללי פון הייליגן רבי'ן [קאפיטל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], ווייל חובות קומט פון פגם הברית. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קיב): "**הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה, שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִילּוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד**", עס איז דא אן עבירה וואס דער עונש פון דעם איז אז דער מענטש ווערט א גרויסער 'בעל חוב'. און אפילו דער מענטש וועט טון אלעס אויף די וועלט נישט צו זיין א בעל חוב - וועט ער אייביג בלייבן אין חובות; מוהרא"ש זאגט אז דאס איז די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה - פגם הברית רחמנא לצלן.

אז דו ווילסט זיך ארויסזען פון דיינע חובות, זוך א שטילע ווינקל וואו קיינער איז נישט דארט, און רעד זיך אויס דיין הארץ צום אייבערשטן, זאג: "**רבונו של עולם, איך דערטרענק זיך אין שווערע חובות, איך ווייס נישט וואס צו טון, איך קען נישט גיין צווישן מענטשן, איך בין שולדיג פאר אזויפיל מענטשן, איך בין זיך אליינס שולדיג, איך בין דורכגעפאלן מיט פגם הברית, הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אוי ווייל איז מיר, אוי ווייל איז פאר מיין נשמה, איך האב אזויפיל געזינדיגט, איך האב נישט געהיטן מיינע אויגן, איך האב זיך צוגעברענגט צו עבירות.**

**אנא רחום, איך בעט דיר דערבארעמדיגער טאטע, דו ביסט דאך א רחום וחנון, דו ביסט דאך דער חנון המרבה לסלוח, אז מען טוט תשובה ביסטו מוחל אויף אלע עבירות, בעט איך דיר, זיי מיר מוחל אויף אלע מיינע שלעכטע מעשים, נעם מיך ארויס פון מיין בלאטע, נעם אן מיין תשובה און העלף מיר ארויסקריכן פון מיינע חובות**".

אויך זאלסטו יעדן טאג גיין אין שול דאווענען מיט מנין די דריי תפילות, זיי זיך מוסר נפש אויף דעם. נאך תפילת שחרית זאלסטו זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, און ווען דו דאווענסט שחרית מיטן טלית, זאלסטו זיך איינוויקלען אונטער די טלית און שטילערהייט שעפשען צום אייבערשטן: "**הייליגער באשעפער, ווי אזוי זע איך זיך ארויס פון מיינע חובות, איך ווייס נישט וואו צו גיין, איך ווייס נישט וואס צו טון, איך בין שולדיג פאר אזויפיל מענטשן, העלף מיר טאטע**".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**איך מושטע זיך מיט נפשיות'דיגע שוועריקייטן, ווי אזוי קען איך זיך דערהאלטן?**

**אלע מיינע חברים זענען מצליח מער פון מיר**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגע גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, שרייבט צו:
trpy458@gmail.com
-
קול ברסלב 212.444.9191